# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ז' תשע"ב לפ"ק

## פרשת נח

## דורש טוב

**צהר תעשה לתיבה:** זאגט רש"י: עס זענען דא וואס זאגן אז "צהר" מיינט א פענסטער, און עס זענען דא וואס זאגן אז "צהר" מיינט א שטיין וואס האט געמאכט ליכטיג.

רש"י זאגט אויפן ווארט "**בדורותיו**": עס זענען דא רבי'ס וואס זאגן אז ס'מיינט די לויב פון נח, און א טייל זאגן אז ס'מיינט די שאנד פון נח.

זאגט דער **בעלזער רב** (הגה"ק מהרי"ד זי"ע) אז די צוויי רש"י'ס זענען געוואנדן איינס אין צווייטן, ווייל רש"י ברענגט אין פר' וירא: ווען איינער ווערט געראטעוועט פון א צרה אינעם אייגענעם זכות (ווייל ער איז א צדיק) דעמאלט מעג ער זעהן ווי אזוי השי"ת שטראפט די רשעים, אבער אויב ער ווערט געראטעוועט פון א צרה אין זכות פון א צווייטן (למשל "לוט" וואס איז געראטעוועט געווארן אין זכות פון אברהם אבינו), טאר ער נישט זעהן ווי אזוי השי"ת שטראפט די רשעים.

לויט דעם קען מען זאגן, אז די רבי'ס וואס לערנען אז **בדורותיו** מיינט די לויב פון נח, לויט זיי מיינט **צהר** א פענסטער וואס ער האט געקענט ארויסקוקן פון די תיבה, ווייל ער איז געווען א צדיק האט ער געמעגט זעהן די מפלה פון די רשעים.

## ידיעות פון די וואך

אזוי ווי מיר האבן די וואך געלערנט אין די סדרה די פרשה פון "דור הפלגה" וועלן מיר דא לערנען איבער די מעשה מיט תלמי המלך וואס די גמרא דערציילט אין מסכת מגילה (דף ט' ע"א) וואס האט אויך שייכות מיט די וואכעדיגע סדרה.

די גמרא דערציילט אז תלמי המלך האט צוזאמענגענומען 72 פון די חכמי ישראל, און זיי אריינגעטראגן אין 72 באזונדערע צימערלעך, און ער האט זיי גארנישט געזאגט בעפאר איבער דעם צוועק פארוואס ער האט זיי גערופן, דערנאך איז ער אריינגעגאנגען צו יעדן עקסטער און ער האט געהייסן אפשרייבן די גאנצע תורה, ווייל ער האט געוואלט קענען אפלאכן און אפשפעטן פון די תורה, און ער האט נישט געוואלט אז די חכמים זאלן זיך קענען אפשמועסן צווישן זיך ווי אזוי צו שרייבן אנדערש ווי עס שטייט אינעווייניג, האט השי"ת אריינגעגעבן איין עצה אין קאפ פון אלע חכמים און יעדער האט געטוישט די זעלבע ווערטער אויף וואס תלמי המלך וואלט געקענט אפשפעטן, - אט דאס זענען די שינויים:

(בראשית א') **בראשית ברא אלקים** = **אלקים ברא בראשית** - כדי ער זאל נישט קענען זאגן אז "בראשית" איז א נאמען פון איינעם וואס ער האט באשאפן כביכול הקב"ה.

(בראשית) **נעשה אדם** = **אעשה אדם** - כדי ער זאל נישט זאגן אז ס'איז דא ח"ו 2 באשעפערס.

(בראשית) **ויכל א' ביום השביעי מלאכתו אשר עשה** = **ויכל א' ביום הששי** - כדי ער זאל נישט זאגן אז הקב"ה

האט געארבעט שבת (חז"ל דרש'ענען אז אינעם זיבעטן טאג האט השי"ת באשאפן "מנוחה").

(בראשית) **זכר ונקבה בראם = זכר ונקבה בראו** - כדי ער זאל נישט זאגן אז השי"ת האט יעדן מענטש באשאפן מיט 2 פנים'ער.

(נח) **הבה נרדה ונבלה שם שפתם = הבה ארדה ואבלה שם שפתם** - כדי ער זאל נישט זאגן אז ס'איז דא ח"ו 2 באשעפער'ס.

(וירא) **ותצחק שרה בקרבה = ותצחק שרה בקרוביה** - כדי ער זאל נישט פרעגן פארוואס ווען אברהם האט געלאכט אין פר' לך לך האט השי"ת נישט מקפיד געווען און ווען שרה האט געלאכט יא, אבער אז עס שטייט בקרובי' איז משמע אז זי האט געלאכט ברבים און וועגן דעם האט השי"ת מקפיד געווען.

(ויחי) **כי באפם הרגו איש וברצונם עקרו שור = כי באפם הרגו שור וברצונם עקרו אבוס** – כדי ער זאל נישט זאגן אז יעקב אבינו האט אליין מעיד געווען אויף זיינע קינדער אז זיי זענען רוצחים.

(שמות) **ויקח משה את אשתו ואת בניו וירכיבם על החמור = וירכיבם על נושא בני אדם** – כדי ער זאל נישט זאגן אז משה רבינו האט נישט געהאט קיין קעמל אדער פערד אויף וואס צו פארן.

(בא) **ומושב בני ישראל אשר ישבו במצרים ארבע מאות שנה = במצרים ובשאר ארצות ארבע מאות שנה** - ווייל באמת זענען אידן געווען אין מצרים נאר 210 יאר, האבן זיי געשריבן אז מען רעכענט מיט די אנדערע לענדער אויך.

(משפטים) **וישלח את נערי בני ישראל = וישלח זאטוטי בני ישראל – ואל אצילי בני ישראל לא שלח ידו = ואל זאטוטי בני ישראל לא שלח ידו** – כדי ער זאל נישט זאגן אז מען האט געשיקט יונגע מענטשן צו הקב"ה האט מען געשריבן אז מען האט געשיקט חשוב'ע מענטשן, און ווייל מען האט שוין געטוישט פון נערי צו זאטוטי האט מען שוין געטוישט "אצילי" (וואס מיינט אויך חשוב) אויף זאטוטי.

(קרח) **לא חמור אחד מהם נשאתי = לא חמד אחד מהם**

און די רבי'ס וואס לערנען אז **בדורותיו** מיינט די שאנד פון נח, איז ער דאך נישט געווען אזא גרויסער צדיק, איז ער נאר געראטעוועט געווארן אין זכות פון אנדערע כדי עס זאל קענען ווערן א נייע וועלט, לויט זיי איז **צהר** א שטיין וואס האט געלויכטן, ווייל אין תיבה האט נישט געטארט זיין א פענסטער, ווייל זיי האבן נישט געטארט זעהן די מפלה פון די רשעים.

*

**את האלקים התהלך נח:** רש"י פרעגט א קשיא פארוואס ביי נח שטייט **את האלקים התהלך נח**, און ביי אברהם שטייט **אלקים אשר התהלכתי לפניו**, און רש"י ענטפערט אז אברהם איז געווען אין א גרעסערע מדריגה פון נח אז ער האט נישט געדארפט אז השי"ת זאל אים אונטערהאלטן.

פרעגן אלע ספרים א שטארקע קשיא, אמער גלייך נאך שני שטייט אין פסוק אז השי"ת האט געזאגט פאר נח "**כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה**", זעהן מיר דאך אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר נח דעם זעלבן לשון ווי פאר אברהם אבינו?

ענטפערט דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** א הערליכער תירוץ, ווייל אין מס' עבודה זרה (דף ו') זאגט רש"י אויף דעם וואס די גמרא זאגט אז נח איז געווען **תמים בדרכיו**, אז דאס מיינט אז ער איז געווען א עניו ושפל רוח, קומט אויס אז **תמים** מיינט אז ער האט זיך געהאלטן קליין.

כדי א איד זאל זוכה זיין צו שלימות אין מידת ענוה פעלט זיך אויס געוואלדיגע סייעתא דשמיא, ווייל די טבע פון א מענטש איז אז ער האלט זיך גרויס, און עס איז זייער שווער צו זיין אן אמת'ער עניו. אויך דוד המלך האט געבעטן פונעם

אייבערשטן **"אל תביאנו רגל גאוה"** אז ער זאל זיך נישט האלטן גרויס.

נח האט געהאט א גרויסן פראבלעם צו קענען זיין א אמת'ער עניו, ווייל ער איז דאך געווען אין א דור פון געפערליכע רשעים, וואס האבן דערצערנט דעם אייבערשטן אזוי ווייט אז דער אייבערשטער האט געברענגט אויף זיי א מבול, האט ער געמוזט האבן גאר א גרויס מאס סייעתא דשמיא און א סעד לתומכו אז ער זאל זיך קענען האלטן בענוה ווייל אנדערש איז נישט מעגליך.

דאס זאגט דער פסוק **נח איש צדיק תמים**, אז נח איז געווען א גרויסער עניו, ווי אזוי איז מעגליך אז אין אזא דור, **בדורותיו**, זאל ער זיין א עניו? אויף דעם זאגט דער פסוק **את האלקים התהלך נח**, און דער אייבערשטער איז געווען זיין סעד לתומכו אז ער זאל קענען זיין א עניו. משא"כ שפעטער שטייט נישט **צדיק תמים**, נאר **כי אותך ראיתי צדיק לפני**, רעדט מען דאך נישט פון נח'ס מידת ענוה, נאר פון זיינע אנדערע מידות טובות, דארט איז טאקע נח יא געווען אויף די מדריגה פון אברהם אבינו צו זיין א **"צדיק לפני"**.

# פרפראות לתורה

**אלה תולדות נח:** דער טריסקער מגיד זי"ע זאגט אז דער פסוק וויל אונז לערנען א דרך אין לימוד התורה, ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער **א**'לה **ת**'ולדות **נ**'ח איז דאס ווארט **תנ"א**, וואס איז א לשון פון לערנען, וואס דאס איז א סימן אז מ'דארף לערנען תורה שבעל פה. דאס ווארט **תנ"א** איז ר"ת **תנ**'אים **א**'מוראים, וואס זיי האבן מחבר געווען די משניות און די גמרא, די תורה שבע"פ.

דאס וויל דער פסוק מרמז זיין אין די ראשי תיבות פון **א**'לה **ת**'ולדות **נ**'ח, **תנ"א** אז מ'דארף לערנען, וואס דער כח התורה איילט צו די גאולה שלימה, ווייל **תנ"א** איז אויך ר"ת **ת**'שלח **א**'ליהו **נ**'ביא, וואס וועט קומען מבשר זיין פאר כלל ישראל אז משיח צדקינו איז שוין געקומען.

(מגן אברהם).

**נשאתי**, כדי ער זאל נישט זאגן אז אן אייזל האט ער נישט גענומען אבער עפעס אנדערש יא.

(דברים) **אשר חלק ה' אלהיך אתם לכל העמים = להאיר לכל העמים** – כדי ער זאל נישט זאגן אז השי"ת האט באשאפן די זין אלץ און ע"ז פאר די גויים.

(שופטים) **וילך ויעבוד אלהים אחרים אשר לא צויתי = אשר לא צויתי לעובדם** כדי ער זאל נישט זאגן אז השי"ת האט נישט געהייסן אז זיי זאלן נישט זיין און א צווייטער האט זיי ח"ו באשאפן.

(שמיני) **ואת הארנבת = את צעירת הרגלים** - ווייל די פרוי פון תלמי המלך האט געהייסן ארנבת, און ער וואלט געזאגט אז די אידן מאכן חוזק פון אים און שטעלן אריין די נאמען פון זיין פרוי אין די תורה.

די גמרא דריקט זיך אויס אז טראצדעם וואס תלמי המלך האט נישט געהאט קיין שלעכטע כוונות מיט דעם וואס ער האט געהייסן איבערטייטשן די תורה, ער האט בלויז געוואלט האבן די תורה אויף יוני'ש פאר זיין ריזיגע לייברערי, איז דאס אבער געווען א שווערער טאג פאר אידן פונקט ווי דער טאג וואס מען האט געמאכט דעם עגל, ווייל דעמאלטס האבן די גוים צום ערשטן מאל אנגעהויבן אריינצוקוקן וואס עס שטייט אין די תורה און האט גורם געווען צרות פאר אידישע קינדער.

# מעשה רב

עס איז געווען אמאל ווען עס האט זיך געהאנדלט איבער א שווערע גזירה וואס די פירער פון די ציוני'סטישע מדינה האבן ארויסגעגעבן אויף די ערליכע אידן, זענען זיך די ליטווישע ראשי ישיבה אין אמעריקע צוזאמענגעקומען אויף אן אסיפה ווי מען האט באהאנדלט די גזירה און געזוכט אן עצה ווי אזוי דאס צו באקעמפפן.

צו די אסיפה האבן זיי אויך געלאדענט **כ"ק רבינו בעל דברי יואל זי"ע**, טראצדעם וואס ער איז בכלל נישט געווען מיט זיי אין איין מיינונג בנוגע די הייליגע שיטה, ווייל זיי האבן נאר געזוכט וועגן ווי אזוי די מדינה זאל זיך פירן עפ"י תורה, און מען זאל נישט טשעפענען ערליכע אידן, אבער דער רבי האט אלס געשריגן אז א מדינה על פי תורה איז פונקט ווי איינער מאכט כשר חזיר פלייש... און עס איז נישט שייך צו כשר'ן א זאך וואס איז א שטיק כפירה ומינות, פונדעסטוועגן האבן זיי געוואלט הערן זיין דעת תורה אין דעם געביט.

אבער ווען דער רבי האט אנגעהויבן צו רעדן און כדרכו בקודש האט ער אנגעהויבן צו קאכן מיט א פלאם פייער קעגן די ציוני'סטישע מדינה, און ער האט געלאזט פאלן שארפע אויסדריקן קעגן די שומרי תורה ומצוות וואס גייען מיט די ציונים, האבן זיך עטליכע נישט געקענט איינהאלטן און זיך אנגערופן נישט מיט דרך ארץ קעגן רבי'ן.

האט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די ראשי ישיבות **הגאון ר' יצחק הוטנער ז"ל ראש ישיבת ר' חיים בערלין**, און ער האט שארף מוחה געווען קעגן די וואס וואגן זיך פוגע בכבודו זיין אינעם כבוד פון רבי'ן.

האט דער ראש ישיבה געזאגט "מיר געפונען ביי נח שטייט 'וישאר אך נח ואשר אתו בתיבה' דערציילן חז"ל 'אך' נח, אז נח האט געקרעכצעט ווייל ער האט פארשפעטיגט צו געבן עסן פאר א לייב, האט אים דער לייב געביסן. שטעלט זיך א קשיא, פארוואס קומט זיך פאר דעם צדיק נח אז א לייב זאל אים בייסן, ווייל ער האט געשפעטיגט צו געבן עסן מיט אפאר מינוט, נאכדעם וואס ער האט זיך אזוי געטריי אוועקגעגעבן פאר די בעלי חיים אין די תיבה?"

"דער תירוץ איז, אז דער לייב איז געווען דער איינציגסטער לייב וואס איז געבליבן אויף דער וועלט פונעם מבול, אלע אנדערע לייבן זענען געשטארבן ביים מבול, און פון דעם לייב האט געדארפט ארויסגעקומען אלע שפעטערדיגע דורות פון לייבן, אזא איינציגער לייב האט נח געדארפט אכטונג געבן דערויף גאר שטארק, און זיין געווארנט אז זי זאל באקומען צו עסן צו די צייט אז זי זאל נישט געשעדיגט ווערן, און אז ער איז נישט אזוי געווארענט געווען איז אים געקומען אז מען זאל אים בייסן".

"דאס זעלבע איז מיטן סאטמאר'ער רבי'ן - האט רבי יצחק אויסגעפירט - נאכדעם וואס ביי די צווייטע וועלט מלחמה זענען אלע גדולי ישראל אומגעקומען, און עס איז נאר איבערגעבליבן איין איינציגער לייב, דער סאטמארער רבי, וואס ער איז דער וואס דארף ראטעווען דעם גאנצן דור, דארף מען זייער אכטונג געבן אויף זיין כבוד און ח"ו נישט פוגע זיין אין אים ווייל ער איז דער וואס דארף אויפשטעלן דעם כלל ישראל".